קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

פרשת

## כי תבא

יו"ל ע"י

**וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל**

**שע"י קהל דברי יחזקאל שינאווא**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

שנת תשפ"ג לפ"ק

**· אידיש ·**

כל הזכויות שמורות

## וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ וגו' וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה וגו' וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וְהָלַכְתָּ וגו' וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ וגו'.

**רש"י** ברענגט פון **ספרי**: "**וירשתה וישבת בה - מגיד שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה**" - דער חיוב פון ברענגען ביכורים האט זיך נישט אנגעפאנגען באלד ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל, נאר ערשט נאכן איינגעמען און צוטיילן דאס לאנד.

**א) עס** איז דא נאך א **ספרי**, וואס ער זאגט: "**והיה כי תבוא אל הארץ. אין והיה אלא מיד**" (תבוא פ"א). בפשטות ווייזט זיך אויס, אז דער ספרי איז מדייק דעם איבריגןווארט 'והיה', אז ווי נאר עס וועט זיין דער ענין פון 'כי תבוא' - פון אריינקומען קיין ארץ ישראל, זאלסטו באלד ברענגען בכורים. לכאורה איז דער ספרי א סתירה מיט דעם ספרי וואס רש"י ברענגט, אז מען איז נישט מחויב מיט ביכורים ווילאנג מען ענדיגט נישט דעם 'כיבוש וחילוק'?

**ב) דער רבי זכרונו לברכה** ברענגט אראפ דעם **הפלאה** (פנים יפות ד"ה כי תבוא), וואס ער שטעלט זיך אויפן **ספרי** (תבוא פ"א): "**עשה מצוה האמורה בענין, שבשכרה תכנס אל הארץ**" - דו זאלסט טון די מצוה פון ביכורים, און אין דעם זכות וועסטו אריינקומען קיין ארץ ישראל. פרעגט דער הפלאה: ביכורים איז מען דאך נאר מחויב נאכן אריינקומען קיין ארץ ישראל, וואס איז שייך דעמאלט צו זאגן, אז אין דעם זכות וועט מען 'אריינגיין' קיין ארץ ישראל?

**ג) בכלל** דארף מען צו פארשטיין דעם ספרי, וואספארא 'מדה כנגד מדה' ליגט דא, אז דאס אריינגיין קיין ארץ ישראל זאל זיין א שכר אויף דער מצוה פון ביכורים?

**ד) דער** בעל הטורים זאגט א רמז: "**כי תבוא - כתיב לעיל מיניה** (כה, יט) **תמחה את זכר עמלק וסמיך ליה והיה כי תבוא אל הארץ, שנצטוו למחות זכר עמלק מיד בכניסתן לארץ**" - די פריערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט דער מצוה פון מחיית עמלק, און דער פרשה הייבט זיך אן מיט דעם ענין פון אריינגיין קיין ארץ ישראל, כדי אונז צו זאגן, אז דער חיוב פון

אויסמעקן עמלק הייבט זיך אן ׳באלד׳ ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל. אבער לכאורה שטימט דאך דאס נישט מיט דעם פשטות הפסוק: ״**וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב וגו׳ תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק**״, אז דער חיוב פון מחיית עמלק הייבט זיך ערשט אן נאכדעם וואס מען האט געענדיגט מלחמה האלטן מיט אלע שונאים פון די ארומיגע לענדער (וכן פירש שם האבן עזרא עיי״ש), אזויווי עס איז טאקע געווען שפעטער, אז ערשט נאכן ממליך זיין שאול פאר מלך, האט אים דער אייבערשטער געהייסן דורך שמואל הנביא צו גיין מלחמה האלטן מיט עמלק. און וויאזוי זאגט דער בעל הטורים, אז דער חיוב הייבט זיך אן באלד ביים אריינקומען?

**ה) בכלל** דארף מען פארשטיין דעם סמיכות פון ׳מצות מחיית עמלק׳ צו דער מצוה פון ׳ביכורים׳, וואס איז די שייכות צווישן די צוויי מצוות?

**ו) רש״י** זאגט: ״**ואמרת אליו - שאינך כפוי טובה**״ - דו זאלסט זאגן פארן אייבערשטן אז דו ביסט נישט קיין כפוי טובה. לכאורה דארף מען פארשטיין די כונה: דער גאנצער נוסח וואס מען זאגט דא, איז דאך אלעס ווערטער פון ׳הכרת הטוב׳ - וואס דאס איז דער היפוך פון ׳כפוי טובה׳ - נו, וואס וויל רש״י מוסיף זיין דא מיט די ווערטער ״שאינך כפוי טובה״?

**ז) ווייטער** זאגט דער פסוק: ״**אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וגו׳ וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה קָשָׁה**״. פרעגן אלע מפרשים, פארוואס דארף מען דא דערמאנען דעם גאנצן השתלשלות פון כלל ישראל אנגעהויבן פון לבן, דערנאך גלות מצרים, שעבוד מצרים, און שפעטער די גאולה פון מצרים? ווי קומט דאס אריין דא צום ענין פון ביכורים - וואס דער עיקר איז דאך דא, צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף די פירות וואס דער אויבערשטער האט אים יעצט געגעבן?

**עס** קען אפשר זיין אזוי. עס איז באקאנט דער יסוד פונעם ׳**תולדות**׳ (בראשית אות ב׳, ועוד) און נאך ספרים (מאור עינים בהרבה מקומות ועו״ס), אז יעדע מצוה איז א ׳נצחיות׳, און עס גייט אן ביי יעדן מענטש אין יעדן פלאץ און אין יעדע צייט. נו אויב אזוי, קען מען אריינקלערן, וויאזוי איז שייך היינט צוטאג - וואס מיר האבן נישט קיין בית המקדש בעוה״ר - די מצוה פון ׳ביכורים׳? און אזוי אויך, וויאזוי איז שייך היינט די מצוה פון ׳מחיית עמלק׳?

**נאר** עס איז באקאנט, אז יעדע מצוה מוז האבן אין זיך ׳מחשבה׳, ׳דיבור׳ און ׳מעשה׳. און אין **נועם אלימלך** שטייט גאר (פרשת וישב ד״ה וישב): **״עיקר**

**העבודה במחשבה**" - אז דער עיקר פון יעדע עבודת ה', איז דער 'חלק המחשבה' דערפון. לאמיר אריינטראכטן, כלפי די מצוה פון ביכורים: דער 'חלק המעשה' פון 'ביכורים' איז - נעמען א קארב מיט פירות און טראגן אין בית המקדש. דער 'חלק הדיבור' פון ביכורים איז - זאגן די פסוקים וואס שטייט דא אין דער פרשה. וואס איז אבער דער 'חלק המחשבה' פון ביכורים?

**דער** 'חלק המחשבה' פון ביכורים איז, אז א איד זאל גלייבן אז אלעס וואס ער האט - האט ער באקומען פונעם אייבערשטן, און ער זאל שפירן אין הארץ א געפיל: "דו האסט מיר געגעבן דאס לאנד און דעם פעלד! דו האסט מיר געגעבן דעם שכל און די כוחות צו קענען איינזייען און אנבויען! דו האסט געגעבן רעגן און געמאכט וואקסן די פירות! און דו האסט געהאלפן אז עס זאל זיך צייטיגן און ווערן ראוי צו עסן!". אט דאס איז דער 'חלק המחשבה' פון ביכורים, וואס דאס דרוקט מען אויס סיי דורכן 'מעשה' - פון ברענגען ביכורים אין בית המקדש, און סיי דורכן 'דיבור' - וואס מען זאגט די אלע פסוקים וועלכע שטייען דא אין דער פרשה. אויב וועט אבער פעלן דער 'חלק המחשבה' - אפילו אויב ער וועט טון דעם 'חלק המעשה' און דעם 'חלק הדיבור', אבער אויב עס קומט נישט פון הארץ ארויס - פעלט דער עיקר נקודה פון מצות ביכורים! ווייל אויב דער מענטש שפירט נישט מיטן גאנצן הארץ אז דער אייבערשטער האט גוטס געטון מיט אים, נאר ער שפירט חלילה אז דאס איז געשען דורך טבע הבריאה, אדער צוליב זיינע אייגענע כוחות און השתדלות, דעמאלט פעלט דאך דער עיקר פון דער מצוה! און דאס זאגט דער נועם אלימלך, אז דער עיקר עבודת ה', איז די 'מחשבה'. אודאי דארף מען אויך טון דעם 'חלק המעשה' בפועל ממש, וואס דעמאלט איז דאס א 'קומה שלימה' פון 'מחשבה דיבור ומעשה'. אבער דער עיקר איז די מחשבה.

**דאס** זאגט רש"י: "***להגיד שאינך כפוי טובה***". רש"י הק' שטעלט תיכף אראפ דעם עיקר און דעם שפיץ פון מצות ביכורים, אז די ווערטער וואס מען דארף זאגן בשעת'ן ברענגען ביכורים, זענען נישט סתם 'ווערטער פון הכרת הטוב', נאר דאס דארף קומען צוזאמען מיט א מחשבה פון טיפן הארץ! דאס זענען ווערטער וואס דארפן אויסדרוקן, אז 'דו' ביסט נישט קיין כפוי טובה! אז דו שפירסט טאקע א הכרת הטוב אין הארץ, אז דער אייבערשטער האט דיר אזויפיל מטיב געווען. און דאס איז דער עיקר מצוה פון ביכורים.

**איינמאל** מען פארשטייט אז דער עיקר מצוה פון ביכורים איז די 'מחשבה' פון הכרת הטוב, קומט אויס, אז דאס איז נוגע נישט בלויז אויף גוטס, נאר אפילו אויף די שוועריקייטן; ווי די משנה זאגט (ברכות ט, ה): "**חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה**". ווייל דער יסוד פון 'הכרת הטוב' איז דאך, אז דער מענטש זאל גלייבן, אז אלעס- איז מושגח מיט השגחה פרטית פונעם אייבערשטן! ער האט גארנישט באקומען פון ערגעץ אנדערש, אלעס איז נאר פונעם אייבערשטן! ממילא, דאנקט ער דעם אויבערשטן אויף אלץ וואס ער האט געטון מיט אים, סיי די גוטע זאכן און סיי די שווערע זאכן, וויבאלד ער גלייבט אז גארנישט טוט זיך נישט אליינס, נאר אלעס האט דער אייבערשטער געטון. דערפאר הייבט אן די תורה דא צו דאנקען: "ארמי אובד אבי וירד מצרימה וגו'", ווייל די 'הכרת הטוב' פאנגט זיך נישט אן בלויז פון די גוטע צייטן - ווען דער מענטש האט שוין פירות, נאר מען דאנקט אויך אויף אלע צרות! "**אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי**" - איך דאנק דעם אויבערשטן אויף דעם! "**וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה**" - געלויבט דעם אויבערשטן אויף דעם! "**וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים**" - געלויבט דעם אויבערשטן! און אודאי אויך אויף די גוטע זאכן: "**וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם**" געלויבט דעם אויבערשטן! און "**וְעַתָּה הִנֵּה הֵבֵאתִי אֶת רֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי**" - אויף אלעם דאנקט מען דעם אויבערשטן, וויבאלד מען גלייבט אז אלעס קומט נאר פון אים בהשגחה פרטית.

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם ספרי: "**והיה מיד**" - די מצוה פון ביכורים גייט אן שוין יעצט, נאך זייענדיג אין מדבר! יעצט בשעת ווען משה רבינו רעדט צו די אידן, זאל מען שוין אנהייבן מקיים זיין די מצוה פון ביכורים! כאטש וואס אודאי דער 'חלק המעשה' גייט אן נאר נאכן אריינקומען קיין ארץ ישראל, אבער דער עיקר איז דאך דער 'חלק המחשבה' פון ביכורים, וואס דאס דארף מען שוין מקיים זיין יעצט אין מדבר.

**מיר** האבן דאך גערעדט, אז יעדע מצוה מוז האבן אין זיך 'מחשבה', 'דיבור' און 'מעשה'. לאמיר אריינטראכטן אינעם ענין פון 'מחיית עמלק': דער 'חלק המעשה' פון מחיית עמלק איז - פשוט צו אויס'הרג'ענען אלע עמלקים, וואס דאס וועלן מיר זוכה זיין לעתיד. דער 'חלק הדיבור' איז - די 'זכירה בפה', וואס מען לייענט פרשת זכור. אבער וואס איז שייך דא דער 'חלק

המחשבה׳? לכאורה האט דאך דאס גארנישט צוטון מיט עפעס א פנימיות׳דיגע מדה אין הארץ? אלא מאי, מוז על כרחך זיין, אז דא ליגט עפעס גאר א טיפע זאך אין דעם ענין פון עמלק; ווי מען זעט דאך אז דאס איז אזא גרויסע זאך, אז חז״ל זאגן אויף דעם (תנחומא תצא יא): ״אין שמו שלם ואין כסאו שלם עד שימחה זרעו של עמלק״. אויב דער ענין פון עמלק וואלט געווען בלויז א מעשה המצוה אויסצו׳הרג׳ענען עפעס א שלעכט פאלק - וואלט נישט געווען תלוי אין דעם דער גאנצער ׳שמו שלם וכסאו שלם׳, עס איז נישט מסתבר אז טאמער מען הרג׳עט אויס אלע עמלקים, ווערט שוין פון דעם אליינס דער ׳שמו שלם וכסאו שלם׳. נאר דער ענין פון עמלק איז זיכער עפעס א שורש׳דיגע מדה וואס אין דעם איז אלעס תלוי; ווי מען האט געברענגט פון ׳נועם אלימלך׳, אז דער עיקר עבודת ה׳ איז די ׳מחשבה׳.

**דער דברי חיים** (פרשת תצוה ד״ה בפסוק ואתה תצוה) פרעגט א סתירה: דא זאגסטו ׳זכור׳, אז מען דארף געדענקען דעם עמלק, און דא זאגסטו ׳תמחה׳, אז מען דארף אים אויסמעקן? אויב דארף מען אים אויסמעקן וואלט מען געדארפט אויפהערן צו רעדן פון אים, ביז מען וועט אינגאנצן פארגעסן פון אים? נאר ענטפערט דער דברי חיים: דוקא דורכדעם וואס מען געדענקט אים, אט דאס איז דער וועג וויאזוי מען מעקט אים אויס פון הארץ. זעט מען פון דעם דברי חיים, אז דא איז פארהאן א ׳חלק המחשבה׳, וואס מען דארף ארבעטן דערויף, וואס דורכדעם ווערט אויסגעמעקט פון אונזער הארץ א געוויסער ׳רעיון׳ און א ׳מדה׳ וואס עמלק האט אריינגעברענגט אין כלל ישראל.

**עס** קען זיין, אז דער מהות פון עמלק איז ׳מקרה׳; ווי דער פסוק זאגט (דברים כה, יח): ״**אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ**״, און רש״י זאגט: ״**לשון מקרה**״. דאס הייסט, דער עמלק האט געארבעט אריינצוברענגען חלילה אינעם כלל ישראל א ׳כפירה׳ און א ׳מקריות׳, כאילו אלעס וואס געשעט איז סתם אזוי געשען פון זיך אליינס, נישט בהשגחה פונעם אויבערשטן רחמנא ליצלן, וואס דאס איז ממש דער היפוך פון ׳הכרת הטוב׳, ווייל אויב איז חס ושלום אלעס א ׳מקרה׳, איז דאך נישט שייך צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם. און דאס זאגט די תורה: ״**תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק**״ - דו זאלסט אויסמעקן די טומאה און זוהמא וואס עמלק האט אריינגעלייגט אין דיין הארץ מיט דעם ׳אשר קרך - מקרה׳. דאס הייסט, דו זאלסט עוקר זיין פון דיר די גאנצע כפירה פון עמלק, נאר פארקערט, דו זאלסט גלייבן באמונה שלימה אז אלעס וואס דו האסט - האסטו נאר פונעם אייבערשטן! ווייל אלעס - מקטן

ועד גדול - ווערט געטון און געפירט בהשגחה פרטית, און דעריבער זאגט די תורה 'זכור' - דו זאלסט כסדר געדענקען און שטיין אויף די וואך אויף דער 'מקריות' וואס עמלק ברענגט כסדר אריין אין דיין הארץ, און דורכדעם וועסטו דאס קענען עוקר זיין און אויסמעקן. און דעמאלט - מיט אזא שטארקע אמונה - וועט טאקע זיין 'שמו שלם וכסאו שלם'.

**לויט** דעם פארשטייט מען גוט די סמיכות צווישן די צוויי מצוות פון 'מחיית עמלק' און 'ביכורים'. ווייל די צוויי מצוות זענען געבינדן איינע מיט די אנדערע, ווי מען האט געזאגט, אז די מחשבה פון ביכורים איז די אמונה אז אלעס איז מושגח פונעם אייבערשטן אליינס, וואס דאס ברענגט מכיר טובה צו זיין דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ער טוט, און עמלק איז ממש דאס פארקערטע פון דעם, וואס ער איז אלעס תולה אין מקרה און טבע, און אויטאמאטיש פאלט אוועק די גאנצע הכרת הטוב צום אייבערשטן. דערפאר מוז מען האבן די מצוה פון ביכורים - וואס דאס איז די בחינה פון 'עשה טוב' - אריינצוברענגען אין הארץ אן אמונה אין השגחה פרטית, און אזוי ארום קענסטו אויסמעקן דעם עמלק - וואס דאס איז די בחינה פון 'סור מרע' - אוועקצונעמען די כפירה פון 'אשר קרך-מקרה'.

**אינ'אמת'ן** קען מען זאגן, אז דער עיקר שלימות וואס אידן האבן געהאט אין דעם ענין פון הכרת הטוב, האט זיך אנגעפאנגען ווען מען איז אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל. ווייל מען קען אריינקלערן: וועלכע אמונה איז געווען גרעסער? די אמונה וואס אידן האבן געהאט אין מדבר - ווען זיי האבן געזען ווי עס קומט 'מן' פון הימל און וואסער פון א שטיין, אדער די אמונה וואס אידן האבן געהאט אין ארץ ישראל - ווען זיי האבן געאקערט און געזייעט, און עס איז ארויסגעוואקסן תבואה? וועלכע איז א העכערע בחינה? פון אויבנאויף וואלט מען געזאגט: אודאי איז די אמונה פון 'מדבר' געווען אסאך א גרעסערע בחינה! מען האט דאך געזען די השגחה 'עין בעין'!

**אבער** אינ'אמת'ן איז עס פונקט פארקערט, ווייל אין מדבר איז נישט געווען אזוי שווער צו גלייבן אז אלעס פונעם אויבערשטן, דער מענטש האט דאך גארנישט געהאט געטון דערצו מיט זיינע אייגענע כוחות, נו אודאי האט ער געגלייבט. כאטש וואס דארט איז אודאי אויך געווען א קליפה פון

עמלק, זיך נישט צו מתבונן זיין אין די טובות וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים, נאר עס אנקוקן ווי א טבע און מקרה, אבער דאך איז עס נישט געווען אזא גרויסע רבותא, ווייל סוף כל סוף האט דאך דער מענטש נישט געקענט טראכטן אז דאס האט צוטון מיט זיין אייגענע השתדלות.

**אבער** ווען מען איז אריין אין ארץ ישראל וואו אלעס איז צוגעגאנגען אויף א טבע'דיגן אופן, מען האט געמוזט ארבעטן אויף פרנסה, און טאמער מען האט נישט געארבעט - האט מען נישט געהאט, און דאך גלייבט א איד אז אלעס איז פונעם אייבערשטן און ער שפירט א הכרת הטוב: "דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א שטיקל ערד אנצופלאנצן, ער האט מיר געגעבן הענט און פוס צו ארבעטן, ער האט מיר געגעבן שכל אז איך זאל קענען איינזייען און אנבויען, ער האט געגעבן רעגן אז עס זאל וואקסן", אט דאס איז שוין א מורא'דיגע רבותא פון 'הכרת הטוב'! ווייל דארט איז דער קליפה פון עמלק אסאך שטארקער, וויבאלד ער קומט נישט איינרעדן פאר א מענטש סתם א שטות, אז אלעס געשעט פון זיך אליינס במקרה חלילה, נאר ער וועיזט אים אויף, אז אלעס איז געקומען דורכדעם וואס ער האט למעשה געטון פעולות און תחבולות! און דורכדעם ברענגט ער אריין אין אים א געפיל פון "**כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה**". און אויף דעם זאגן חז"ל (שבת לא.): "**אמונה זו סדר זרעים**". און ווי תוספות דארטן ברענגט פון ירושלמי: "**מאמין בחי העולמים וזורע**". דאס הייסט, אז כאטש ער איז 'זורע' און טוט טבע'דיגע פעולות, דאך איז ער 'מאמין בחי העולמים', אז אלעס איז נאר פונעם אייבערשטן און ער האט הכרת הטוב צום אייבערשטן אויף דעם. דאס איז דער עיקר חשיבות פון הכרת הטוב, און מיט אזא סארט אמונה איז דער מענטש מקיים בשלימות די מצוה פון 'מחיית עמלק'.

**לויט** דעם שטימט זייער גוט די ווערטער פון ספרי, קודם זאגט ער "**והיה מיד**", אז דער ענין פון הכרת הטוב, דאס דארף מען אנהייבן צו ארבעטן יעצט אין מדבר - באלד ווי משה רבינו האט זיי געזאגט די מצוה פון ביכורים, ווייל דארט איז שוין אויך געווען א נסיון פון עמלק צו תולה זיין אלעס אין מקרה. און דערנאך זאגט דער ספרי: "**עשה מצוה האמורה בענין**", דורכדעם וואס דו וועסט יעצט אין מדבר שוין ארבעטן אויף הכרת הטוב, "**שבשכרה תכנס אל הארץ**", וועסטו נאכדעם זוכה זיין אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. ווייל סתם אזוי איז דאך א סכנה אריינצוגיין קיין ארץ ישראל - וויבאלד דארטן קען מען חלילה זייער לייכט אריינפאלן אין 'טבעיות' און תולה זיין אלעס אין די אייגענע השתדלות. אבער אין זכות וואס דו וועסט

שוין ברענגען ביכורים אין מדבר, יעדע מינוט און יעדע רגע - מיט דער בחינה פונעם 'חלק המחשבה' - צו ארייינטראכטן די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר כסדר, דורכדעם וועסטו האבן א גוטע הכנה אז דו זאלסט קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל און נישט אריינפאלן אין מחשבות פון 'כוחי ועוצם ידי', נאר פארקערט, דו וועסט דעמאלט אנקומען צו נאך א העכערע בחינה פון ביכורים, צו האבן אמונה און הכרת הטוב - אפילו נאכן טון השתדלות.

**מיט** דעם פארשטייט מען זייער גוט די ווערטער פונעם בעל הטורים: "**שנצטוו למחות זכר עמלק מיד בכניסתן לארץ**" - אודאי איז דער 'חלק המעשה' נישט נוהג באלד ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל, נאר ערשט נאכן 'בהניח ה' אלקיך מכל אויביך'. אבער דער בעל הטורים גייט דא ארויף אויפן 'חלק המחשבה', צו אויסמעקן די כפירה פון עמלק, און אויף דעם זאגט די תורה, אז דאס גייט אן באלד ווי דו קומסט אריין קיין ארץ ישראל - וואס דארט הייבט זיך אן אסאך א גרעסערער עמלק ווי פריער. כאטש וואס אודאי איז אויך געווען א מצוה פון מחיית עמלק אין מדבר, זיך נישט איינצורעדן אז אלעס איז במקרה, אבער דער עיקר שלימות אויסמעקן אינגאנצן דעם 'זכר עמלק', איז דוקא 'בכניסתן לארץ', וויבאלד דעמאלט הייבסטו אן צו אקערן און זייען, און דער עמלק וועט דעמאלט קומען צו דיר און דיר וועלן איינרעדן אז אלץ וואס דו האסט - איז צוליב דיינע פעולות וואס דו האסט געטון, און ער וועט וועלן אויסרייסן פון דיר דעם הכרת הטוב צום אייבערשטן, דעריבער זאגט די תורה, אז ווי נאר דו קומסט אריין אין ארץ ישראל, זאלסטו באלד אויסמעקן דעם שורש הכפירה פון עמלק, נאר דו זאלסט גלייבן אז אלעס איז פונעם אייבערשטן אליינס.

**היינטיגע** צייטן האבן מיר טאקע נישט קיין בית המקדש, אבער די מצוה פון מחיית עמלק און די מצוה פון ביכורים איז 'נצחיות', און עס גייט אן היינט אויך. דאס הייסט, אז א מענטש דארף זען נישט צו זיין קיין 'כפוי טובה'! נאר ער זאל זיך שטענדיג ארומדרייען מיט א שבח והודאה פארן אויבערשטן יעדע מינוט און יעדע רגע; ווי מען זעט אין **חובת הלבבות** אין שער הבחינה, ווי ער לייגט אראפ א גאנצן פרק אויף דעם ענין פון הכרת

הטוב צום אויבערשטן, און ער שמועסט אויס בפרטיות, אז א מענטש זאל וויסן וויפיל טובות דער אייבערשטער טוט מיט אים א גאנצן צייט.

**דאס** איז נישט בלויז א זאך וואס מען טוט איינמאל, מען גיבט א טראכט אריין: "יא, דער אייבערשטער טוט מיר אסאך טובות!". דאס איז א זאך וואס א איד דארף כסדר לעבן מיט דעם! יעדע מינוט און יעדע רגע דארף ער שפירן אז דער אייבערשטער טוט אזויפיל חסדים מיט אים.

**אינ'אמת'ן** קען מען זאגן, אז דורכדעם וואס א איד דרייט זיך ארום א גאנצן צייט מיט הכרת הטוב צום אייבערשטן, איז ער אויך מקיים די מצוה פון "**ובו תדבק**" - וואס דער רמב"ם שרייבט (הקדמה לפירוש המשניות), אז דאס איז דער תכלית פון דער גאנצער תורה - וואס פון אויבנאויף זעט עס אויס ווי גאר א הויכע מדרגה וועלכע האט נישט קיין שייכות צו סתם א מענטש; ווי די גמרא (כתובות קיא:) פרעגט שוין: "**וכי אפשר לאדם לידבק בשכינה**". אבער אינ'אמת'ן איז פארהאן א פשוט'ע עצה וויאזוי יעדער איד קען זיין דבוק אינעם אייבערשטן, דורכדעם וואס ער טראכט אריין: " ברוך השם איך אטעם אריין און ארויס?! דאס איז פונעם אויבערשטן! ברוך השם מיינע אויגן זעען?! דאס איז פונעם אויבערשטן!". ווי עס שטייט (איוב יט, כו): "**מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹהַ**" - פון קוקן אויף זיך אליינס איז ער דבוק אינעם אויבערשטן יעדע מינוט און יעדע רגע! א גאנצן צייט שפירט ער א הכרת הטוב און ער דאנקט דעם אויבערשטן כסדר; ווי דער מדרש זאגט (ב"ר יד, ט): "**על כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך לקלס לבורא דכתיב כל הנשמה תהלל קה**".

## התחזקות:

**דאס** איז אן עבודה אז מען זאל די גאנצע טבעיות [אויפהייבן], דער גאנצער מענטש [זאל גלייבן]. [כאטש] ער גייט און ער ארבעט, ער פארדינט, ער זאל [אבער] נישט ארומגיין מיט די הענט אין די טאשן [און זאגן]: "כוחי ועוצם ידי! איך בין אן עושר! עס איז מיר געלונגען!". דו זאלסט וויסן, דו ליגסט אין א שקר! יעדע מינוט און יעדע רגע, זאלסטו וויסן, דארפסטו אנקומען צו סייעתא דשמיא! און דער אויבערשטער העלפט דיר יעדע רגע! דאס איז דער כלל פון די מצות ביכורים, וואס א מענטש זאל וויסן אז יעדע מינוט איז דא סייעתא דשמיא.

**באמת** איז די זעלבע זאך [ברוחניות], עס איז נישט קיין ספק. עס שטייט (סוכה נב:) "**יצרו של אדם מתגבר עליו, ואלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו**". וואס שטייט דא אין דער גמרא? לכאורה [קען א מענטש פרעגן], איך ארבעט דאך אויפן יצר הרע? איך זעה [דאך, אז] איך היט מיר מיינע אויגן? [און אזוי מיט אלעס] וואס דו טוסט. [ווייל] "יצרו של אדם מתגבר" מיינט מען [דאך] נאר ווען עס איז דא א מלחמה [קעגן דעם יצר]. [אויב] נעבעך איינער וואס איז מיואש, ער פאלט אריין אין דער טומאה [און] ער האט נישט קיין מלחמה - איז נישט אויף אים שייך [דער לשון] "מתגבר עליו", וואס הייסט 'מתגבר עליו'? אז דו שלאגסט זיך איז שייך 'מתגבר עליו'.

**נאר** [עם כל זה], זאלסטו וויסן אז "אלמלא הקב"ה עוזרו", [ווייל] נישט בלויז אין גשמיות איז עס אזוי [שהכל מאתו ית'], דער 'הכרת הטוב' דארף צו זיין די זעלבע זאך [ברוחניות]: "געלויבט דער אויבערשטער איך קום אין בית המדרש! איך האב פוס! דער אייבערשטער געבט מיר כח! איך הייב מיך אויף אינדערפרי, איך גיי אין מקוה!".

**[טאמער** וועט א מענטש טראכטן]: "וואס איז מיין מקוה [ווערד]?". [זאל ער וויסן]: ניין! דו זאלסט וויסן אז דאס איז סייעתא דשמיא! א רצון הבורא טוסטו און דאס וויל מען אויבן!

**און** אסאך מאל א מענטש זעט, [אז] ער פילט נישט קיין טעם, [און ער טראכט]: "איך בין אזוי שפל'דיג! איך בין אזוי גארנישט'דיג! איך בין אין אזא מין מצב! און דאס איז חשוב אין הימל? וואיזוי קען דאס זיין?". דאס איז אויך [אפגעפרעגט, ווייל] פון דעם וואס דו זעסט [אז] "הקב"ה עוזרו", איז א סימן אז עס איז חשוב אין הימל! ווען דו וואלסט נישט געווען חשוב מיט דיין עבודה, וואלסטו געווען [פארלוירן אלעס] רחמנא ליצלן! וואלט נישט געווען "הקב"ה עוזרו"! [ווייל] ווען העלפט ער צו? [זאגן דאך חז"ל]: "**הבא ליטהר מסייעין אותו**" (יומא לט.). איז [א ראיה, אז] דו ביסט 'בא ליטהר'! וויפיל דו האסט שכל און וויפיל דיינע כוחות הנפש [זענען ביכולת, ביסטו 'בא ליטהר'], איז ממילא הייסטו שוין "הבא ליטהר מסייעין אותו", [און] "הקב"ה עוזרו".



**איז** ממילא, דו זאלסט וויסן, [אפילו אויב] דו קומסט אריין אין בית המדרש צובראכן, אבער זאלסט אריינקומען מיט אן אופן פון 'הכרת הטוב': "איך זע דאך אין דעם שפלות [נאך א גרעסערע 'הקדוש ברוך הוא עוזרו']! וממנו נמצא מזור - פון דעם שפלות וואס מען איז, פון דארט זע איך די

השגחת הבורא! איך בין א איד! איך דאווען! איך לייג תפילין ברוך השם! איך בין מגדל די קינדער אידישליך! דער אויבערשטער טוט דאך מיט מיר חסדים, אין דעם ביטערען אמעריקע, וואס דא איז געווען עלול [צום ערגסטן] חלילה!". איז דארט איז דא די הכרת הטוב.

**און** נאר מיט די כוחות קענען מיר צוקומען צו די הייליגע טעג, מען זאל זיך מחזק זיין, קענען עפעס נעמען אין דער האנט אריין, עפעס צוטרעטן אז מען זאל קענען אוועקשטעלן זיך.

**[עס** שטייט] "**דע לפני מי אתה עומד**". מען הייבט אן צו טראכטן 'לפני מי אתה עומד', "ווער, ווער [בין איך דען]?". זאלסטו וויסן: "ניין, אז דו שטייסט דא, אז כביכול האט דיר אריינגעברענגט אין בית המדרש און דו דאווענסט, זאלסטו וויסן שטייסטו פארן אויבערשטן! 'דע', דו זאלסט וויסן, 'לפני מי אתה עומד', [ווי דער פסוק זאגט] (ירמיה לא, ב): "**מרחוק נראה לי ה'**", דו מיינסט אז דו ביסט זייער ווייט פונעם אייבערשטן, דו פאלסט אריין אינגאנצן [אין צובראכנקייט], עס איז נישטא אזא מין זאך! עס איז חשוב! עס האט נישט קיין שיעור! אונז ווייסן מיר דאס נישט, דאס איז א 'משקל אל דעות'!".

**במילא,** מיט דעם ענין פון הכרת הטוב, [פון] די היינטיגע [סדרה], דאס איז הכנה צו די הייליגע טעג. און דאס איז דער מחיית עמלק, און מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין עס וועט זיין 'כסאו שלם ושמו שלם'. מען זאל קענען ממליך זיין דעם אויבערשטן אין דעם הייליגן ראש השנה, מלכיות זכרונות שופרות. אונז מיט אונזער 'גארנישט', מיט אונזער צובראכנקייט - מען וועט שרייען, מען וועט זאגן "**ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד**" - דאס וועט חשוב זיין! מיר וועלן זוכה זיין אז דאס וועט מאכן אן 'אתערותא דלעילא' מיט אן 'אתערותא דלתתא'.

**זאל** מען זוכה זיין טאקע, געהאלפן צו ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה בכלליות ובפרטיות, יעדער איינער וואס ער דארף, רפואות און ישועות, זיווגים טובים, ברוחניות ובגשמיות, און שמחות, מען זאל דערפרייט ווערן, עס זאל קומען א שמחה'דיג יאר, מען זאל מיר געהאלפן ווערן בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.